ילדותנו, גליקליך איז אז מען נוצט אויס דעם זקנתנו אויף אפצווישן ילדותנו. אפילו מען האט געטון זאכן וואס מען האט נישט געדארפט, מען האט זיך געקענט שענער אויפפירן און מען האט דאס נישט געטון. בנערינו ובזקנינו נלך, מיר קענען גיין סיי מיט נערינו און סיי מיט זקנינו, מיטביידע האט משה רבינו געזאגט קען א איד ארויסגיין פון מצרים. אז מען איז זוכה, איז 'בנערנו', גייט מען ארויס אין די יונגע יארן, אז מען איז נישט זוכה, 'בזקנינו נלך', אין די ימי זקנינו קען מען אויך ארויסגיין פון מצרים.

**מען** דארף געדענקען אז א יעדע ראשית פון א יוד דארף צו זיין הייליג פארן אייבערשטן. ווי מען האט פריער גערעדט, כדי מען זאל קענען מקבל זיין די תורה, האט אויסגעפעלט קודם גלות מצרים, אדורכגיין דעם עמל, אדורכגיין זיך צוברעכן די תאוות, וואס דעמאלטס אין מצרים איז נישט געווען קיין זאך וואס מען זאל קענען נעמען באקוועם. עס איז גארנישט געווען באקוועם, פון צופרי ביז ביינאכט איז נישט געווען קיין איין מינוט באקוועם, אלעס איז געגאנגען מיט א עמל, צוגעוואוינען אונזער גוף אז אזוי זאל מען קענען דינען דעם אייבערשטן.

**מען** איז יונג, און מען ווערט עלטער, אסאך נסיונות ווארטן אויף די עלטערע יארן. אסאך נסיונות איז דא, ווען מען גייט ארויס פונעם בית המדרש, און מען דארף זיך דרייען אויף די גאס, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם. וויפיל יראת שמים דארף מען האבן, אז מען זאל בלייבן אן ערליכער איד. עס איז קיינמאל נישט געווען אזוי שווער פאר א ערליכער איד צו בלייבן אן ערליכער איד, ווי עס איז אין די היינטיגע צייטן. מען איז אויסגעמישט צווישן די גוים, עס איז נישטא קיין שנאה אזוי ווי עס איז געווען אמאל, אז מען האט זיך מרחק געווען פון א יוד. א יוד קען אנקומען ווי ער וויל מיט דעם גוי צוזאמען, אמאל איז דאס נישט געווען. וויפיל יראת שמים דארף מען זיך קונה זיין אין די יוגענט, אז מען זאל קענען האבן א פשוטן ערליכן אידישן לעבן אין די שפעטער'דיגע יארן. מען דארף ליגן אין תורה, מקבל זיין אויף זיך דעם עול התורה און די עול המצוות, וויסן די חשיבות פון יעדע מצוה וואס מען טוט, דאס איז די עבודה פון די יונגע יארן בשעת מען איז אין בית המדרש, אויפצובויען זיך אויף די שפעטער'דיגע יארן, ווען מען וועט דארפן פון דא ארויסגיין.

**אזוי** ווי אין מצרים, כדי מען זאל קענען מקבל זיין די תורה, איז געווען קודם יארן פון עמל, די זעלבע גייט יעדע יוד אדורך. כדי ער זאל קענען אויפוואקסן, צו קענען מקבל זיין עול תורה, פארלאנגט זיך א געוואלדיגע עמל אין די יארן וואס מען איז אין בית המדרש. ווער עס וויל אדורכגיין די יארן גרינגערהייט, ער וויל אדורכגיין מיט באקוועמליכקייט, עס זאל אים גארנישט שטערן, זיין עסן און זיין שלאפן און אלע עניני גשמיים זאלן זיין צוגעשטעלט אויפן העכסטן אופן, און ער וועט לערנען אויך, וועט ער קיין סאך נישט צוקומען! אז מען וויל זוכה זיין צו זיין ערליך, דארף מען וויסן, מיר זענען יעצט אין מצרים, די ישיבה דאס איז די צוגרייטונג צום מיליטער. ער דארף עס נעמען מיט אן השקפה, אז דאס איז מיין צוגרייטונג אז איך זאל קענען אויסוואקסן אן ערליכער יוד. יא, עס איז נישט געמאכט געווארן צו שלאפן, עס איז נישט געמאכט געווארן צו עסן, ביי די ערשטע געלעגענהייט ווען מען קומט אן אין בית המדרש, ביז די לעצטע געלעגענהייט, בין איך נישט אינדערהיים. זיצן פון צופרי ביז ביינאכט, און הארעווען איין בלאט גמרא, און נאך א בלאט גמרא. אין משך פונעם שבת האט מען געהערט די שיינע ווערטער אויפן חשיבות פון עמל התורה, ווי חשוב דאס איז און ווי ווייט מען קען שטייגן, ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה. דאס איז אונזער מצרים! מיר זענען דא כדי אויסצולערנען דעם גוף דעם תפקיד פון עמלות, אז דו קענסט נישט האבן אלעס, און דו מוזט נישט האבן אלעס, דו דארפסט זיך קענען גובר זיין, און זיך צוברעכן, און טון וואס דער רצון ה' איז.

**דאס** איז די חשיבות פון די טעג. און אז מען ווייסט עס אויסצונוצן אויף דעם וועג, האט מען

שפעטער א שיין לעבן. אם אתה עושה כן, זאגט די משנה, ווען עס איז פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, [מען מיינט דאך נישט דוקא פת במלח, מען מיינט נישט ועל הארץ תישן, קיינער שלאפט נישט אויף די ערד, און קיינער עסט נישט קיין פת במלח, אבער עס מיינט צוברעכן זיך דעם גוף אויף תורה], אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד). דו ביסט גליקליך, מען וואקסט אויס א תלמיד חכם און אן ערליכער איד, מען איז גליקליך אויף די וועלט, און מען איז גליקליך אויף יענע וועלט. דאס איז אונזער עבודה אין די טעג וואס מען איז אין ישיבה, נעמען אויף זיך צו שטייגן אין תורה און עבודת ה'. אזוי ווי דעמאלטס האט דער עמל פון מצרים אוועקגענומען די תאות הגוף. ווען א מענטש איז פארפלאגט, מאכן די תאוות נישט קיין רושם אויף אים, אזוי אויך ווען א מענטש ליגט אין תורה, ער טראכט נישט עפעס אנדערש נאר אין לערנען, ער איז נישט מסיח דעת פון תורה, קען נישט שולט זיין אויף אים דער יצר הרע. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, דאס איז דער תבלין וואס מיר האבן, וואס מען זיצט באהלה של תורה.

**און** עס האט אויך אויסגעפעלט אמונה, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה. און דאס האט דער אייבערשטער אויך געוויזן אין מצרים. אלע ניסים האבן צוגעברענגט דערצו, אז ויאמינו בה' ובמשה עבדו. מען דארף אסאך טראכטן פונעם בורא עולם, שויתי ה' לנגדי תמיד, אז מען איז קיינמאל נישט אליין. ווי מען איז, אין בית המדרש, אין שטוב, בחדרי חדרים, איבעראל איז דער רבונו של עולם צוזאמען מיטן מענטש. עס איז מלא כל הארץ כבודו, א מענטש וואלט נישט געטון קיין שום זאך, ווען דער חבר זעהט עס, ער וואלט זיך צוריקגעהאלטן פון זאכן וואס מען טוט, כל שכן דער רבונו של עולם שטייט דארטן און זעהט עס. א בחור דארף אין די טעג לערנען חסידישע ספרים, מוסר ספרים, אויסארבעטן דעם גוף, און אויסארבעטן די מדות. מען איז דאך געבוירן מיט שלעכטע מדות, יעצט איז דאס קלייניקייטן, מיטן חבר קען ער זיך נישט אזוי פארטראגן, אבער ער וועט חתונה האבן, ער וועט זיך דארפן פארטראגן מיט זיין בני בית. ווען ער וועט ארויסגיין ארבעטן, וועט ער זיך דארפן פארטראגן מיט צענדליגע מענטשן אויף דער גאס. און אז מען ארבעט זיך נישט אויס די מדות יעצט, האט עס אזא פנים שפעטער, יעצט איז די צייט דערפון, יעצט דארף זיין דער עמל. פלאגן זיך אויף תורה, פלאגן זיך אויף מדות טובות, פלאגן זיך אויף יראת שמים, און וויסן אז דער פלאג איז די חשוב'סטע זאך וואס דו האסט אין דיין לעבן. אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך, אז דו טוסט עס, וועסטו זוכה זיין שפעטער צו האבן א גוט לעבן אויף די וועלט. און פון חיי עולם הבא דארף מען נישט רעדן די חשיבות. די יארן זענען דאך פארגענגליך, מען לעבט דאך נישט אייביג, אבער עולם הבא איז חיים נצחיים. מיט אביסל פלאג וואס מען פלאגט זיך יעצט, קען מען זוכה זיין שפעטער צו געוואלדיגע חיים נצחיים וואס מען דארף לעבן שפעטער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען לערנט די פרשה פון יציאת מצרים, זיך מתבונן זיין, עס איז נישטא קיין קבלת התורה אן גלות מצרים פאר דעם. גלות מצרים דאס איז די הקדמה פון קבלת התורה. יעדער יוד וואס וויל האבן קבלת התורה, דארף אדורכגיין אן עמל אזוי ווי עס איז געווען אין גלות פון מצרים. און אז מען גייט צו מיט דעם געדאנק, ווייסט מען אז דאס איז מיין טובה. אלע נסיונות וואס איך האב, איז כדי זיך אויסצוארבעטן איך זאל עס קענעןביישטיין, איך זאל מיך שפעטער אין לעבן קענען מתגבר זיין אויף מכשולות און נסיונות וואס קומט פאר. מיט וואס איז מען עס זוכה, אז מען זיצט באהלה של תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען אויסנוצען די טעג וואס מען געפונט זיך אין בית המדרש לערנען און דאווענען און דינען דעם אייבערשטן. עס איז שוין אדורך א האלבער זמן, אבער אפילו מען האט פארפאסט דעם בנערינו, די ערשטע העלפט, אבער בזקנינו נלך, אנהייבן מיט א פרישן חשק, מיט א פרישן חיות. מען קען זוכה זיין צו קענען א גאנצע מסכת אין משך פונעם

יאר, נישט פארלאזן עס, נאר מיטהאלטן די שיעורים פון ישיבה. די וואס לערנען די לימוד פון 'ובהם נהגה' קענען אריינכאפן אין די זייט נאך א מסכת, קענען צוויי מסכתות במשך פונעם יאר.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, זאל מען קענען אויסנוצן די טעג צו תורה און עבודת ה', און דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן מיט אלע ברכות וואס איז דא אין די תורה הק', עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר. די וואס זיצן און לערנען תורה, האבן קיינער נאך נישט דערלייגט אויף זייער פלאג אין תורה. דער אייבערשטער באצאלט עס אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת השמיע **רבינו שליט"א** סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ד' שבט). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א**. אחר כך עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.

***<u>וזה תוכן הסיפורים:</u>***

**היינט** איז געווען די יארצייט פון **רבי משה לייב סאסוב'ער זי"ע**, עס איז שוין איבער צוויי הונדערט יאר וואס רבי **משה לייב סאסוב'ער** איז נישט דא (נסתלק בשנת תקס"ז). ער איז געווען א תלמיד **פון רבי שמעלקא ניקלשבורגער זי"ע**, וואס פון אים האט ער מקבל געווען רוב תורתו. און ער פלעגט זיך אויך דרייען ביים **רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע**.

**דאס** ערשטע מאל וואס ער איז געווען ביים **רבי ר' אלימלך** איז געווען שבת פרשת בא, און דער **רבי ר' אלימלך** האט אים מכבד געווען צו זאגן א דבר תורה ביים טיש, האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין די פרשה, ואמרתם זבח פסח הוא לה', עס איז א קרבן פסח, אשר פסח על בתי בני ישראל (שמות יב-כז), אז דער אייבערשטער האט איבערגעהיפט אויף די הייזער פון יודישע קינדער. האט ער זיך געשטעלט, ווי איז שייך צו זאגן אויפן אייבערשטען, אז דער אייבערשטער האט איבערגעהיפט. אויף א בשר ודם קען מען זאגן, אז ער גייט פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, אבער דער אייבערשטער איז דאך מלא כל הארץ כבודו (ישעיה ו-ג), וואס איז טייטש, אז ער איז אוועקגעגאנגען פון דעם מקום, און ער האט איבערגעהיפט על בתי בני ישראל.

**האט רבי משה לייב סאסוב'ער** געזאגט, אז דער אייבערשטער איז אראפגעקומען אויף מצרים, ועברתי בארץ מצרים (שמות יב-יב) אני ולא מלאך, אני ולא שרף, און ער האט זיך אומגעקוקט וואס פאר א טומאה עס איז דא אין מצרים. אזא ערות הארץ, די נידריגסטע גוים האבן געוואוינט אין מצרים. און ער האט זיך אומגעקוקט נאכדעם אז צווישן די הייזער איז דא הייזער וואו עס וואוינען יודען, און ווי אזוי יודען פירן זיך אויף מיט אזא קדושה, און אזא טהרה, ווען מען איז ארומגענומען מיט אזויפיל גוים צוזאמען. איז געווארן ביים אייבערשטען א געוואלדיגע שמחה, אז יודען, מיט די שוועריקייטן וואס מען האט, מיט די נסיונות וואס מען איז ארומגענומען, פון דעסטוועגן דאך זענען זיי א הייליג פאלק. ווען דער אייבערשטער איז אנגעקומען צו א יודישע הויז, האט ער אנגעהויבן צו טאנצן פאר שמחה.

**'פסח'** איז א לשון פון א טאנץ, א ריקוד ווערט אויך אנגערופן מיט א לשון פסח. ווען דער אייבערשטער איז אנגעקומען צו א הויז וואו א יוד האט געוואוינט, האט ער פון גרויס שמחה אנגעהויבן צו טאנצן, און ער האט געקלאטשט, דא וואוינט א יוד, דא וואוינט א יוד. און **רבי משה לייב סאסוב'ער** האט זיך אזוי צופייערט, ווען ער האט עס געזאגט. אז ער איז ארויפגעשפרינגען אויפן טיש, און ער האט אנגעהויבן צו טאנצן, דא וואוינט א יוד, דא וואונט א יוד. ער האט ארויסגעברענגט די מדריגה, און די מעלה, פון א יוד וואס וואוינט

אין מצרים, אין א ערות הארץ, און ער פירט זיך אויף ערליך.

*

**רבי משה לייב סאסוב'ער** איז געווען אויסערגעווענליך גרויס אין די מדה פון אהבת ישראל. ער האט ליב געהאט א יוד כנפשו, און ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר יודען. אין פדיון שבויים איז ער געווען א אויסנאם, וואו ער האט געהערט אז עס איז דא א פאל פון פדיון שבויים, ווי עס איז אלץ געווען פארבינדען מיט גרויסע געלטער, איז ער ארומגעגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן צוזאמצושטעלן געלט, ארויסצונעמען די יודען פון די מקומות וואו זיי זענען.

**דער** היינטיגער **מונקאטשער רבי זאל זיי געזונט**, הייסט אויך משה לייב, און ער איז א אייניקל פון **רבי משה לייב סאסוב'ער**, און וועגן דעם גיט ער זיך אויך אפ מיט מיט יודען וואס זענען איינגעשפארט, אז מען זאל זיי קענען ארויסנעמען. עס שטייט דאך אז א שם איז גורם (), ער האט א שייכות מיט דעם נאמען פון **רבי משה לייב סאסוב'ער** וואס איז געווען א אויסנאם אין דעם וואס ער האט זיך אפגעגעבן מיט פדיון שבויים.

**און** ער האט געזאגט אויף זיך, אז די מדריגה ווי ווייט עס דארף צו זיין אהבת ישראל, האט ער זיך אפגעלערנט פון א דארפסמאן. - א דארפסמאן איז אמאל געזעסן צוזאמען מיט זיין חבר, און ער איז געווען גוט אנגעטרינקען, פרעגט ער פון זיין חבר, דו האסט מיך ליב? זאגט אים דער חבר, אוודאי האב איך דיך ליב. איך האב דיר זייער ליב. זאגט ער אים, אז דו האסט מיר אזוי ליב, זאג מיר וואס עס פעלט מיר. האט ער אים געזאגט, איך ווייס נישט. האט ער אים געזאגט, איז א סימן אז דו האסט מיך נישט ליב אינגאנצן. ווייל ווען דו וואלסט מיך ליב געהאט, וואלסטו געוואוסט מיינע פראבלעמען. - האט ער זיך אפגעלערנט דערפון, אז ואהבת לרעך כמוך, איז נישט נאר דער טייטש סתם אזוי, אז איך האב ליב יענעם, נאר מען דארף יענעם אזוי ליב האבן, אז מען זאל וויסן וואס עס פעלט פאר יענעם, און מען זאל יענעם ארויסהעלפן.

*

**רבי הערש'לע זידיטשובער זי"ע**, איז געווען א תלמיד מובהק פון **רבי משה לייב סאסוב'ער**, און **רבי הערש'לע** פלעגט צו זאגן אויף זיין רבי, דעם פסוק (תהלים עז-כ) ושבילך במים רבים, ועקבותיך לא נודעו. ווייל **רבי משה לייב** פלעגט זיך אסאך מאל צו פארשטעלן אזוי ווי א גוי, און ער האט גענומען האלץ, עס איז געווען ווינטער, און ער איז געגאנגען צו שטובער פון ארימעלייט און אלמנות, וואס האבן נישט געהאט קיין געלט צו קויפן האלץ און איינהייצן, און ער פלעגט דארט איבערלאזן האלץ, און ער פלעגט איינהייצן. און זיי פלעגן פרעגן, וויפיל עס קומט אים דערפאר. פלעגט ער זאגן, דו האסט דאך נישט קיין געלט יעצט, דו וועסט שוין באצאלן ווען דו וועסט האבן געלט.

**איך** האב געהערט די מעשה פון **מיין טאטע ז"ל**, און ער האט צוגעגעבן, אז די אלמנה האט נישט געוואוסט אז דאס איז **רבי משה לייב סאסוב'ער**, זי האט געמיינט אז דאס איז א גוי, ווייל ער האט גערעדט פויליש. און זי האט זיך נאכדעם אנגערופן פאר די קינדער, 'וועגן אזעלכע גוטע גוים, וועגן דעם קומט נישט משיח'. ווייל עס איז נאך דא צווישן זיי אזעלכע וואס קענען אריינברענגען האלץ צו הייצן, די זענען מעכב ביאת המשיח.

*

**עס** שטייט אין **היכל הברכה** (פ' כי תבוא), פונעם **הייליגען קאמארנער זי"ע**, אז **רבי משה לייב סאסוב'ער** איז אמאל געגאנגען צו א פריץ אויסצולייזן א יודיש קינד, און דעם טאג האט ער געפאסט. ווען ער איז אריינגעקומען צו דעם פריץ אין שטוב, האט מען געקאכט דארט זייער גוטע מאכלים, און עס האט אים אנגעשמעקט

צו עסן פון די טייערע מאכלים. מען געפונט אין די גמרא () אז ווען מען שפירט א ריח פון א מאכל, קען עס אסאך מאל זיין פיקוח נפש, אויב מען איז נישט טועם דערפון. און ער איז דאך געווען הונגעריג, און ער האט געשפירט אז עס איז אחזו בולמוס, און ער גייט צוזאמפאלן, אויב ער וועט נישט טועם זיין.

**האט** ער נאכדעם פארציילט פאר זיין תלמיד, **רבי הערש'לע זידיטשובער**, וואס עס האט פאסירט דארט ביים פריץ. האט ער אים געזאגט, אז **משה לייב** האט זיך נאכדעם דערמאנט אינעם 'נשמת כל חי' וואס מען זאגט אין שבת, און ער האט באקומען דערפון אזא תענוג, מער פון דעם תענוג וואס ער וואלט געהאט ווען ער וואלט געגעסן דעם מאכל, און פון דעם האט ער זיך געקענט האלטן.

*

**עס** שטייט אין די הקדמה פונעם **אמרי יוסף**, א מעשה פלא, אז **רבי משה לייב סאסוב'ער** איז אמאל געגאנגען באזוכן א חולה, וואס איז געווען שטארק קראנק, און ער האט אים אזוי געטרייסט, אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן, אז ער וועט זיין געזונט. און דער קראנקער האט זייער געוויינט, ער האט נישט געגלייבט, אז ער קען זיך ארויסזעהן פון די סכנה וואס ער איז. ער האט געזעהן, אז עס איז שוין זיין צייט אוועקצוגייין פון די וועלט. און **רבי משה לייב** האט געזען אז דער יוד איז נישט מקבל קיין תנחומים וואס מען זאגט אים, און ער באראויגט זיך נישט, האט ער אים געזאגט, דו גלייבסט נישט אז דו וועסט זיין געזונט? איך שווער אז דו וועסט זיין געזונט! ווען דער יוד האט געהערט אז **רבי משה לייב** האט געשוואוירן, אז ער וועט זיין געזונט, האט ער באקומען א פרישן חיות, און ער האט אויפגעלעבט.

**עס** איז אדורכגעגאנגען אפאר טעג, און דער יוד איז ל"ע אוועק. און עס איז געווארן א רעש אין די שטאט, אז **רבי משה לייב** האט געשוואוירן אז ער וועט זיין געזונט, און עס איז נישט אזוי געווען. האט מען אים געפרעגט, ווי אזוי ער האט זיך געטרויט צו שווערן א שבועה, און עס איז נישט אזוי געווען. האט **רבי משה לייב** געזאגט, איך האב געזעהן זיין מצב, און איך האב געוואוסט אז ער וועט נישט מאריך ימים זיין, אבער איך האב געוואוסט, אז ער האט נאך חיי שעה, ער קען נאך ציען אפאר טאג וואס ער וועט האבן אין זיך א חיות. און אזוי ווי די הלכה איז, אז פאר חיי שעה מעג מען מחלל שבת זיין (שו"ע או"ח שכט-ד), איז דאך דער טייטש, אז מען מעג עובר זיין אויף יעדע עבירה אין תורה, כדי יענער זאל קענען לעבן חיי שעה. איך האב געשפירט אז מיט דעם וואס איך וועל שווערן אז ער וועט זיין געזונט, וועט צוקומען צו אים חיי שעה, און פאר חיי שעה מעג מען שווערן א פאלשע שבועה אויך.

**און** דער **אמרי יוסף** שרייבט דארט, אז **רבי משה לייב** האט צוגעענדיגט, 'א כפרה משה לייב'ס עולם הבא, אבי א יוד מחיה צו זיין'. - עס איז א געוואלדיגע מדריגה, אז מען ווייסט אז עס איז נישט אמת, און ער גייט שווערן א שבועת שוא, כדי מחיה צו זיין א יוד, ווייל ער האט געוואוסט אז ער וועט צובאקומען חיי שעה פון דעם וואס ער וועט אים געבן די שבועה.

*

**עס** שטייט אין **חקל יצחק** (פ' מקץ), אז ער האט הערט פונעם **אמרי יוסף**, וואס האט פארציילט, אז **רבי משה לייב סאסוב'ער** איז אמאל געווען פסח אין ניקעלשבורג ביי זיין רבי **רבי שמעלקא**. ערב פסח, פארן זמן פון שריפת חמץ, האט **רבי משה לייב** געבעטן דעם גבאי פון רבי שמעלקא, אז ער זאל אים ארומפירן אין די שטאט, און ער זאל אים ווייזן די הייזער וואו די יודען וואוינען. האט ער אים ארומגעפירט. אינמיטן איז געקומען די זמן וואס **רבי שמעלקא** האט געוואלט פארברענען די חמץ, און ער האט געזוכט זיין משמש אז ער זאל אים צוהעלפן, און ער האט אים נישט געטראפן, האט ער מקפיד געווען וואו ער איז.

**ווען** ער איז אנגעקומען, האט ער אים געפרעגט, וואו ער איז געוועזן. האט ער אים געזאגט, א דער פוילא"ק פון סאסוב [רבי משה לייב איז געקומען פון פוילן], האט מיך ארומגעשלעפט דא אין די שטאט, אז איך זאל אים ווייזן וואו עס וואוינט א יוד. האט **רבי שמעלקא** געזאגט, אז ער האט מן הסתם מתקן געווען א תיקון גדול אין די אלע הייזער, אז איבערן יאר וועט נישט זיין קיין שום עבירות חמורות אין דעם הויז. פון דעם וואס ער איז ארמגעגאנגען זעהן דאס הויז, האט ער איבערגעלאזט א קדושה אויף דעם הויז, אז דארט וועט מען נישט טון קיין עבירות.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**